# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב
הערות פון די לייענער

**אַנְשֵׁי אֱמֶת שֹׂנְאֵי בָצַע**

בעזרת השי"ת ▪ פרשת יתרו תשפ"א ▪ גליון קי"א


### וואס קומט ביי דיר קודם?
# געלט אדער תורה ומצוות?

די געוואלדיגע מוסר השכל וואס מיר לערנען זיך ארויס פון די פרשה "ואתה תחזה" וואס יתרו האט מחבר געווען.

---

**געלט!** געלט איז א זאך וואס מיר אלע דארפן און ווילן האבן, נישט פאר מותרות, נאר פאר עצם קיום התורה והמצוות. מיר דארפן געלט צו צאלן שכ"ל, גיין אין מקוה, קויפן ד' מינים און מקיים זיין סעודות שבת... א קאפל, א ציצית, תפילין, בר מצוה, חתונה... כמעט אלע אונזערע מצוות מעשיות פאדערט געלט...

אבער וואס מיינט דאס געלט פאר אונז? איז דאס נאר אן אופן פון זיך קענען באגיין אדער איז דאס א תאוה וואס נעמט איבער דער מענטש? ווען מען דארף בוחר זיין, דיין געלט אדער דיין תו"מ, וועלכע קומט פריער?

וויפיל פון דיין פארמעגן ביסטו גרייט אויפצוגעבן אויב עס איז דא א שאלה אויף דעם? וויפיל פון דיין פארמעגן ביסטו גרייט אויפצוגעבן אויב דו דארפסט אויפגעבן דיין תורה ומצוות פאר דעם? וועמען ביסטו מער מחשיב אינדערהיים? איינער וואס האט געלט אדער איינער וואס איז אן עובד השם?

אין די וואכנדיגע סדרה, געפונען מיר דער מדה פון "שונא בצע". וואס מיינט א שונא בצע? **קען מען נאך היינטיגע צייטן טרעפן א שונא בצע? ווער האט דען נישט ליב געלט?!**

### לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען "יסודות" פאר די וואך....

**וְאַתָּה תֶחֱזֶה מִכָּל הָעָם, אַנְשֵׁי חַיִל יִרְאֵי אֱלֹקִים אַנְשֵׁי אֱמֶת שֹׂנְאֵי בָצַע וְשַׂמְתָּ עֲלֵהֶם שָׂרֵי אֲלָפִים שָׂרֵי מֵאוֹת שָׂרֵי חֲמִשִּׁים וְשָׂרֵי עֲשָׂרֹת.** (שמות יח, כא)

נאכן זעהן ווי אזוי משה איז פארנומען אזויפיל שעות אין טאג מיט משפט'ן דעם פאלק און דער עולם שטייט אוןווארט אסאך צייט (עי' פי' הרמב"ן ופי' רבינו בחיי יח, טו), האט יתרו געזאגט פאר משה, "דו קענסט נישט טוהן אלעס אליינס, דו דארפסט האבן הילף. נעם נאך דיינים אונטער דיר כדי זיי זאלן דיר ארויסהעלפן אין די ארבעט." און יתרו האט איבערגעגעבן א פונקטליכע פלאן ווי אזוי עס זאל ארבעטן...

איידער מיר גיין אריין לעומק הדברים, וואס פונקטליך יתרו האט דא געזאגט און דער גרויסע אויפטוה, לאמיר פארשטיין... **ווען האט די מעשה פאסירט?**

זאגט רש"י (ד"ה ויהי ממחרת יח, יג): דאס האט אודאי נישט פאסירט פאר מתן תורה אדער תיכף נאך מתן תורה. דאס האט פאסירט א יאר נאך קבלת התורה, א טאג נאך יוה"כ, ווען משה רבינו איז פריש אראפגעקומען פון בארג צוריק צום פאלק. הערשט דעמאלטס, האט משה זיך געזעצט צום ערשטן מאל משפט'ן דאס פאלק. עיי"ש

איי, פארוואס שטייט דער פרשה פאר קבלת התורה אויב דאס האט פאסירט נאכדעם? זאגט רש"י: אה"נ, **ואין פרשה זו כתובה על הסדר**. מיר ווייסן דעם כלל פון "אין מוקדם ומאוחר בתורה", נישט אלעס שטייט גענוי אויפן סדר ווי אזוי עס האט פאסירט.

דארף מען לכאורה פארשטיין: אה"נ אז עס מוז נישט זיין אויפן סדר הדברים, אבער פארט טעמא בעי, וואס עפעס האט דער תורה אויסגעוועלט אז פונקט די פרשה פון "ואתה תחזה" זאל שטיין פאר קבלת התורה?

אלא מאי, מוז מען זאגן אז עפעס אן הכנה צו מתן תורה ליגט באהאלטן אין די פרשה. פונקט ווי ביי די פסוק "**ויחן שם ישראל נגד ההר**", זאגט דער מכילתא אז דער לשון יחיד "ויחן" קומט צו לאזן הערן אז דאס מאל האב די אידן גערוהט כאיש אחד בלב אחד, אנדערש ווי ביי אלע אנדערע פלעצער ווען עס איז געווען מחלוקת (רש"י שם). און **להיות כאיש אחד בלב אחד** איז אן הכנה פאר קבלת התורה.

לפי"ז, קענען מיר זאגן אופן זעלבן אויפן אז דער פרשה פון **ואתה**

**תחזה** שטייט געשריבן פאר מתן תורה, צו לאזן הערן אז דער ענין איז אן הכנה צו מתן תורה.

**וועלכע הכנה צו קבלת התורה איז דער פרשה פון "ואתה תחזה"?**[א] צו פארשטיין דעם ענין, לאמיר זיך מעמיק זיין אין די הבנה און פרטים פון יתרו'ס עצה פאר משה...

## וועלכע סארט דיין זוכט מען?

יתרו האט געזאגט פאר משה: **וְאַתָּה תֶחֱזֶה מִכָּל הָעָם, אַנְשֵׁי חַיִל יִרְאֵי אֱלֹקִים אַנְשֵׁי אֱמֶת שֹׂנְאֵי בָצַע...** "איך וואלט מציעה געווען אז מען זאל אויפנעמען נאך אסאך דיינים, ערליכע דיינים, וואס מען קען געטרויען אין די נושא פון געלט...

דהיינו , זיי זאלן האבן די פאלגנדע 4 מעלות:

1. **אַנְשֵׁי חַיִל**- מענטשן וואס האבן אסאך געלט, זיי דארפן זיך נישט חנפ'נען און געפעלן פאר קיינעם.
2. **יִרְאֵי אֱלֹקִים**- מענטשן וואס האבן מורא פונעם אייבערשטען, זיי האבן מער מורא פונעם אייבערשטען ווי פון מענטשן.
3. **אַנְשֵׁי אֱמֶת**- מענטשן וואס האלטן ווארט, מען קען זיך פארלאזן אז ווען זיי זאגן עפעס, מיינען זיי דאס אמת'דיג.
4. **שֹׂנְאֵי בָצַע**- מענטשן וואס האבן פיינט געלט, זיי האבן נישט מורא צו פסק'נען ריכטיג אפ' עס קען זיי ברענגען א פערזענדליכע שאדן אין געלט.

ווייל נאר די סארט מענטשן זוכן דעם אמת, גארנישט וועט זיי צוריקהאלטן פון זאגן דעם אמת. זיי דארפן נישט קיין גרויסקייט, זיי דארפן נישט קיין כבוד, זיי דארפן נישט קיין געלט. זיי האבן נאר איין זאך פאר די אויגן: **לעשות רצון קונם**.

וויפיל אזעלכע מענטשן דארף מען האבן? יתרו רעכענט אויס ווייטער, צוטיילט אין גרופס: **שָׂרֵי אֲלָפִים שָׂרֵי מֵאוֹת שָׂרֵי חֲמִשִּׁים וְשָׂרֵי עֲשָׂרֹת**, מען דארף האבן עטליכע, וואס יעדער פון זיי זאל זיין א דיין אויף אן אנדערע קבוצה פון מענטשן.

**וויפיל דיינים איז דאס בסך הכל?** זאגט די גמרא אין סנהדרין (יח.): פאר זעקס הונדערט טויזנט מענטשן האט מען געדארפט האבן א ס"ה פון 78,600 דיינים.

[לאמיר מאכן דעם חשבון: **שרי אלפים**: דיינים וואס זאלן זיין ממונה אויף יעדע 1,000 מענטשן פון די זעקס הונדערט טויזנט אידן. דאס קומט אויס צו א ס"ה פון "**זעקס הונדערט דיינים**". **שרי מאות**: דיינים וואס זענען ממונה אויף יעדע 100 מענטשן פון די זעקס הונדערט טויזנט אידן. דאס קומט אויס צו א ס"ה פון **זעקס טויזנט דיינים. שרי חמישים:** דיינים וואס זענען ממונה אויף יעדע 50 מענטשן פון די זעקס הונדערט טויזנט אידן. דאס קומט אויס צו א ס"ה פון **צוועלף טויזנט דיינים**. **שרי עשרות**: דיינים וואס זענען ממונה אויף יעדע 10 מענטשן, א ס"ה פון **זעכציג טויזנט דיינים**. קומט אויס, אז אלעס צוזאמען איז געווען א ס"ה פון 78,600 דיינים וואס זאלן משפט'ן זעקס הונדערט טויזנט אידן. (סנהדרין יח.)]

וכאן הבן שואל, ווי אזוי טרעפט מען 78,600 דיינים, (כמעט א פופטל פון כלל ישראל) מיט די אלע פיר אויסדערוועלטע מעלות?

זאגט דער אוחה"ק: אודאי מיינט נישט אז יעדע דיין דארף האבן אלע פיר מעלות, נאר מען רעדט פון פיר באזונדערע מעלות, איין מעלה חשוב'ער פונעם צווייטן לויט די רייע. צו זיין א דיין, האט מען געדארפט האבן איינע פון די אלע פיר מעלות.

דהיינו, דאס בעסטע איז דער **אנשי חיל**, ער האט אין זיך אלע 4 מעלות. ער איז אן ערליכער, א צופרידענער, אן אמת'ע בעל מידות, א ירא שמים און ועל כולם, האט ער א שטארקע כאראקטער. בקיצור, א כלול המעלות.

דערנאך קומט א **ירא אלקים**. ער איז אויך זייער אן ערליכער, איינער וואס האט מורא פון אן עבירה, אבער נישט אזא מושלם ווי דער אנשי חיל ווייל ער האט נאר 3 פון די מעלות א.א.וו....

זאגט דער אוחה"ק: טאקע דערפאר האט דאס יתרו צוטיילט אויף 4 גרופס פון **שָׂרֵי אֲלָפִים, שָׂרֵי מֵאוֹת, שָׂרֵי חֲמִשִּׁים וְשָׂרֵי עֲשָׂרֹת**, ווייל לויט וויפיל מענטשן ער האט געהאט אונטער זיך, אזויפיל מעלות האט ער געדארפט האבן.

דהיינו, א דיין פאר טויזנט מענטשן האט געדארפט זיין אן אויסדערוועלטער, א כלול המעלות ממש, איינער וואס איז אן **אנשי חיל**.

משא"כ, א דיין וואס איז נאר פאר הונדערט מענטשן, ער דארף שוין נישט זיין אזא מושלם, עס קען שוין זיין די נעקסטע מדריגה, א **ירא אלקים**.

א דיין פאר יעדע פופציג מענטשן, הגם ער איז נישט אנגעקומען צו אזא מדריגה פון א ירא אלקים, ווי לאנג ער האט אין זיך דער מעלה פון **אנשי אמת**, ער זוכט נאר דעם אמת ביים משפט'ן, קען ער זיין א דיין אויף פופציג מענטשן.

ווען עס קומט צו זיין א דיין אויף 10 מענטשן, קען ער שוין זיין נאך אביסל שוואכער, עס איז גענוג אז ער איז א "שונאי בצע", איינער וואס האט פיינט דעם געלט און געלט רעדט נישט צו אים.

**דאס הייסט: די וויינִיגסטע וואס מען האט געדארפט זיין כדי צו קענען זיין א דיין און פסק'נען מיט אן אמת, איז א שונא בצע...**

זאגט דער אוחה"ק: לפי"ד, שטימט זייער גוט דעם קומענדיגן פסוק, "**וַיִּבְחַר מֹשֶׁה אַנְשֵׁי חַיִל מִכָּל יִשְׂרָאֵל**"... (יח, כה)

וואס לכאורה וואלט מען דאך געקענט פרעגן, "פארוואס האט משה נאר גענומען דעם מדה פון "אנשי חיל"? וואס מיט די אנדערע מדות, ובפרט א שונא בצע? ווי אזוי קען זיין אז משה האט דאס נישט געטראפן?" ולפי"ז, וועלן מיר זאגן אז מסתמא האט משה טאקע נישט געקענט טרעפן אזויפיל "שונאי בצע", האט ער כאטש גענומען דער אנדערע מעלה וואס ער האט יא געטראפן: "אנשי חיל".

---

[א] נתיבות שלום

ווי דער ספורנו שרייבט: אחר שבקש ולא מצא אנשים שיהיו בהם כל המעלות שהזכיר יתרו, בחר באנשי חיל בקיאים וחרוצים לברר וללבן אמתות דבר ולהביאו אל תכלית יותר מיראי אלקים בלתי אנשי חיל...

אבער לויט די ווערטער פונעם אוהח"ק אז אנשי חיל מיינט אזא איינער וואס האט אין זיך אלע 4 מעלות, איז פונקט פארקערט, אדרבה **"וַיִּבְחַר מֹשֶׁה אַנְשֵׁי חַיִל מִכָּל יִשְׂרָאֵל"...**

משה האט טאקע געטראפן גענוי וואס ער האט געזוכט, **"אנשי חיל" – דאס בעסטע פון אלע פיר, איינער וואס האט אין זיך אלע מעלות.** און טאקע זיי האט ער געמאכט פאר אלע דיינים! אז מען קען טרעפן דאס בעסטע פאר אלע, איז דאך אודאי גוט!

היוצא לנו מכל זה: באמת האט מען טאקע נישט געדארפט אזויפיל אויסדערוועלטע דיינים אבער למעשה זענען געווען 78,600 דיינים, א פופטל פון כלל ישראל, וואס זענען געווען יראים ושלמים און נאר געזוכט דעם אמת, ועל כולם א שונאי בצע.

לאמיר פארשטיין: ווי אזוי קען טאקע זיין אז אזא ציבור פון קרוב צו 80,000 מענטשן זאלן זיין שונאי בצע? ולפי"ד אוהח"ק, ווי אזוי קען זיין אז 80,000 מענטשן זאלן האבן אלע 4 מעלות, און נאך אסאך סתם עמך אידן זאלן כאטש האבן די מדה פון שונא בצע? ווי קומט צו די אידן אין מדבר צו זיין אזעלכע שונאי בצע??

## פארוואס האבן די אידן אין מדבר געהאט אזויפיל געלט?

זאגט דער גאון ר' שלמה איגר[ב]: לכאורה איז דאס א שטארקע תמיהה, פארוואס האט דער אייבערשטער געהייסן פאר די אידן בעת יצ"מ צו בארגן כלי כסף וכלי זהב? וואס גייען די אידן טוהן מיט אזויפיל געלט אין די מדבר? ענדערש וואלטן זיי געדארפט בארגן מלבושים, עסן, וכדו'... זאכן וואס מען קען כאטש נוצן אינעם מדבר.

ובכן, איז בכלל שווער. וואס איז געווען דער גרויסע ריזיגע השפעה פון געלט, איינמאל און נאכאמאל, ביזת מצרים, ביזת הים, וכו'? ווען איז בכלל אויסגעקומען פאר די אידן צו נוצן געלט אינעם מדבר? ובפרט ווען אפי' פאר די מינימאלע געברויכן האבן זיי אויך נישט געדארפט זארגן! זייערע קליידער זענען שטענדיג געווען ניי, געביגלט און מיטגעוואקסן מיט זיי דורך די עמוד הענן. זייער עסן איז געווען גרייט יעדן אינדערפרי ביים טיר. וואס דארף מען אזא הון תועפות? וואס טוט מען מיט דעם?

זאגט דער גאון א געוואלדיגער חידוש: **כי באמת כל אלו שיצאו ממצרים היה אנשים שהתרוממו והתעלו מדברים גשמיים ותאוות עיני בשר ודם, כי כל אלה שהתאבו סתם לדברים גשמיים כבר מתו בשלושת ימי אפלה, וע"כ לא נשארו כי אם אנשים מעולים ומרוממים.** זיי זענען באמת געווען זייער דערהויבענע מענטשן, זיי האבן קיין גשמיות נישט געגליסט און נישט געוואלט...

נאר וואס? דער אייבערשטער האט זיי געוואלט פארזיכערן אז זיי זאל שטענדיג בלייבן אט די דערהויבנקייט און חלילה נישט צוריקפאלן שפעטער. דהיינו: **ומהנהגת הבורא לצדיקים שעבדו והשתפרו מעשיהם ושברו את טבעם, להגיע להם למצב שלא יפלו עוד לתאוותם כי עשה כל אשר עליו לעשות**, ווען דער אייבערשטער זעהט אז א צדיק האט צובראכן זיין טבע און איז אנגעקומען צו א העכערע מדריגה, טוט ער אים משפיע זיין מיט שפע רב כדי ער זאל נישט צוריקפאלן, **עד כדי כך שלא יתאווה עוד לדב"ז.**

דערפאר, האט דער אייבערשטער דייקא יעצט אנגעהויבן משפיע זיין מער און מער שפע פאר די אידן. קודם האט ער זיך געבעטן אז זיי זאלן נעמען ווי מער פון די ביזת מצרים, דערנאך האט ער זיי געפירט צו פי החירות צו נעמען פון די אוצרות דארט און צוגעשיקט טייערע שטיינער און דיימאנטן פון גן עדן. און יעצט, האט דער אייבערשטער געהייסן נעמען הויפענעס מיט הויפענעס פון ביזת הים, צען מאל מער ווי זיי האבן געהאט ביז יעצט. שפעטער, האבן זיי באקומען יעדן טאג פיל ווערדפולע דיימאנטן מיט די מן. דער אייבערשטער האט געזאגט, "איך וועל דיר געבן און געבן אזוי פיל ביז דו וועסט זיך ממש עקלען פון געלט און נאר ווילן קרבת אלקים. און דייקא פאר קבלת התורה זאל דאס זיין!"

ווייל דאס איז אונזער הכנה לקבלת התורה: פאר'מואס'ן פון די ע"ז פון געלט! מען דארף זאגן צו זיך, **"אֱלֹהֵי כֶסֶף וֵאלֹהֵי זָהָב לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם. געלט גייט נישט ווערן מיין גאט! איך גיי נישט ווערן איבערגענומען פון געלט! איך גיי נישט מחשיב זיין מיין געלט מער ווי מיין תורה ומצוות! און איך גיי נישט עובר זיין אויף קיין שום זוז כל שהוא פון די תורה צוליב געלט!"**

> **פונקט ווי מען איז נישט מחשיב א טיש, א בענקל אדער א פאסט-טרעגער, ווייל עס איז קלאר פאר יעדן אז די זאכן זענען נאר א מיטל פאר זיינע געברויכן, אזוי אויך טאר מען נישט מחשיב זיין דאס געלט!**

ובכן, דארף א מענטש זיך כסדר איינחזר'ן, "אמת אז מען דארף האבן געלט ווייל יעדע ריר אין לעבן קאסט געלט און בלויז צו מקיים זיין מצוות ומעש"ט דארף מען האבן געלט. אבער מען דארף אכטונג געבן נישט צו ווערן פארקויפט פארן געלט! מען זאל נישט מאכן דעם טפול פאר אן עיקר ווייל געלט איז ס"ה נאר א מיטל וואס העלפט דער מענטש אנצוקומען דארט וואו ער דארף אנקומען, עס איז נישט קיין עיקר אדער א תכלית. פונקט ווי מען איז נישט מחשיב א טיש, א בענקל אדער א פאסט-טרעגער, ווייל עס איז קלאר פאר יעדן אז די

[ב] מובא בספר תורת אבות מר' שלמה איגר בן של הגאון רעק"א. עה"פ דבר נא באזני העם וישאלו איש מאת רעהו ואישה מאת רעותה כלי כסף וכלי זהב...

זאכן זענען נאר א מיטל פאר זיינע געברויכן, אזוי אויך טאר מען נישט מחשיב זיין דאס געלט!

## די פרשה פון "ואתה תחזה" דינט אלץ אן הכנה צו קבלת התרה

מיט דעם, קען מען פארשטיין פארוואס די פרשה פון "ואתה תחזה" שטייט איידער די פרשה פון קבלת התורה. להורות לנו, אז אויב א איד וויל קענען זעהן דעם אמת, ער וויל נישט ווערן פארבלענדט פונעם שקר, דארף ער לכה"פ כאטש זיין א "שונא בצע"!

ואולי, קען זיין אז דערפאר האט די גאנצע פרשה באקומען דעם נאמען יתרו, ווי מיר רופן דאס **פרשת יתרו**, ווייל טאקע דער נאמען זאגט אונז דער יסוד.... ווי רש"י איז מסביר **(ד"ה וישמע יתרו.)**: יתרו האט געהאט דאך געהאט **זיבען נעמען**: רעואל, יתר, יתרו, חובב, חבר, קיני און פוטיאל.

פון וואו שטאמט דער נאמען יתרו? זאגט רש"י: קודם האט מען אים גערופן **יתר**, על שם שיתר פרשה אחת בתורה "**ואתה תחזה**". אבער נאכדעם וואס ער האט זיך מגייר געווען און אנגעהויבן מקיים זיין די מצוות, הוספיו לו אות אחת על שמו און זיין נאמען איז געווארן "יתרו". (ועי' בשפת"ח)

ד"ה: על אף וואס ער האט געהאט נאך נעמען, האט מען קובע געווען אז זיין עיקר נאמען זאל זיין יתרו, צוליב דאס וואס ער האט פארמערט א וויכטיגע פרשה אין די תורה: צו איינזעהן דעם אמת, דארף מען זיין א ירא אלקים און א שונא בצע.

ועל כולם, זעהן מיר א חידוש נפלא: אויב דער ו' האט מען מוסיף געווען נאך ער האט זיך מגייר געווען, הייסט דאס אז דער נאמען יתר איז געווען נאך פארן מגייר זיין. דאס מאכט די פרשה אסאך חשוב'ער! אויב א גוי, אפי' פארן זיך מגייר זיין, ער קען פארשטיין די געוואלדיגע פארבלענדעניש וואס ליגט אין דעם געלט, ער קען פארשטיין די געוואלדיגע שוועריקייט וואס ליגט פאר א דיין כדי צו קענען פסק'נען ריכטיג, ער קען אנצייכענען פונקטליך וועלכע מדות א דיין דארף האבן כדי צו קענען זעהן דעם אמת און בלויז נאר דעם אמת ע"פ דברי תורתינו הק'... ער באקומט קרעדיט!!

ווייל נאר אזוי האט זיך דער תורה שבע"פ געקענט בויען, דורך מסדר זיין אז א רבי זאל קענען איבערגעבן דעם הוראה פאר זיין תלמיד און זיין פארזיכערט אז דער תלמוד וועט פסק'נען ריכטיג אן קיין נגיעות...[ג]

והיינו טעמא נמי, אז די תורה הק' האט געלייגט דער פרשה איידער קבלת התורה, ווייל נאר אזוי קען זיין אן המשכת התורה.

ווי דער הייליגער פלא יועץ זאגט (אות ת' תלמידי חכמים): **ומה מאד צריכים לזהר התלמידי חכמים שיהיו שונאי בצע ושונאי מתנות...** דער מדה פון א בן תורה איז נישט וועלן און נישט מחשיב זיין דער ענין פון באקומען סיי וועלכע הנאה פון מענטשן, ער וויל נאר דעם רצון ה' און באקומען וועט ער שוין אלעס וואס ער דארף פונעם אייבערשטען אליין.

## מעשה רב:

הגה"ק רבי יעקב משה אבד"ק זאלושין

**דער שטאט זאלושין האט געזוכט א שוחט מומחה, א ירא שמים. פיל מענטשן פון איבעראל זענען געקומען זיך אנגעבן פארן רב, הגה"ק רבי יעקב משה אבד"ק זאלושין זצ"ל. איין טאג, איז אנגעקומען א שוחט מומחה, אבער אנשטאט גיין צום רב, איז ער אריין צום רביצין און איר איבערגעגעבן טויזנט רו"ב, בעטן'דיג אז זי זאל שתדל'ן ביי איר הייליגע מאן אז דער רב זאל אים אויסוועלן אלץ דער שוחט.**

**דער רב רופט אריין דעם שוחט און פארהערט אים. ווען דער רב האט געענדיגט זיין פארהער, רופט ער זיך אן צום שוחט, "הער זיך צו מיין קינד, דיין מעסער געפעלט מיר זייער, עס איז שיין חד וחלק. אזוי אויך, קענסטו זייער גוט הלכות שחיטה, אבער דו אליין געפעלסט מיר נישט! על כן, וויל איך דיר זאגן כל זמן וואס איך לעב, וועסטו קיין שוחט נישט זיין דא!"**

**און דער רב האט אים פארשיקט און געזוכט אן אנדערע שוחט. וכך הוי, דער רב האט אויפגענומען איינער וואס האט גארנישט באצאלט, נאר זיין ירא שמים האט געשיינט.**

**ווייל נישט דער געלט איז דאס וואס האט גערעדט צום רב. דאס ירא שמים פונעם שוחט, דאס האט גערעדט צום רב!**

## פארוואס דארף מען אזויפיל דיינים?

פרעגט דער דברי יואל: לכאורה איז דאס א געוואלדיגע פלא. פארוואס זאל מען דארפן קרוב צו אכציג טויזנט דיינים אינעם מדבר? אויב אין ירושלים, אין די גוטע צייטן ווען עס איז געווען רבתי עם, וואס אין יעדע חצר האט געוואוינט כמעט כפלים כיוצאי מצרים (כמבואר במדרש איכה) איז געווען גענוג איין בי"ד פון 71 דיינים און צוויי בתי דינים פון 23 דיינים (רמב"ם פ"א מה' סנהדרין ה"ג), פארוואס פונקט דא אינעם מדבר, ווען די אידן האבן געלערנט תורה פון משה רבינו אליין, זיי האבן נישט עוסק געווען אין קיין שום משא ומתן ווייל זיי האבן דאך אלע געגעסן מן, זאל מען דארפן אזויפיל דיינים?

זאגט דער דברי יואל: ונל"פ עפימ"ש החזקוני (עה"פ וישב משה לשפוט את העם יח, יד) וז"ל: **יש מפורשים שהוא הערב רב שהיו תובעים מהם את שלל קרוביהם...**

ד"ה: אודאי רעדט מען נישט דא פון די המון עם, בני ישראל הכשרים וואס זענען געזעצן און געלערנט תורה מיט אמונה און

[ג] כעי"ז תמצא בספר פרי צדיק מר' צדוק הכהן מלובלין פרשת יתרו, עיי"ש.

בטחון, אן קיין דאגות. זיי האבן טאקע נישט געהאט קיין שום פראבלעם און זיי האבן זיך אודאי נישט געקריגט פאר געלט. דאס וואס יתרו האט געזעהן **וכל העם נצב עליך מן בוקר עד ערב**, איז געווען נאר פון די פיל ערב רב!

וואס ווילן די ערב רב? **היו תובעים מהם את שלל קרוביהם**... דהיינו, נאך וואס די מצריים זענען דערטראנקן געווארן אינעם ים, זענען די ערב רב געקומען מיט א געוואלדיגע טענה צו די אידן, "אנטשולדיגט טייערע אידן, איר ווייסט אז די אלע מצריים דא האבן יורשים?" (די ערב רב זענען דאך אלע באמת געווען מצריים, נאר זיי האבן זיך מיטגעכאפט מיט די אידן ביים ארויסגיין פון מצרים מיטן טענה אז זיי ווילן ווערן א חלק פון כלל ישראל.)

"איר האט אלע גענומען אנגעלאדענטע חמורים מיט טייערע כלים און חפצים פון גאלד און זילבער פון אונזערע ברודער, ביטע געבט דאס שוין צוריק פאר אונז! איר האט דאך דאס ס"ה נאר געבארגט! ריכטיג?"

זאגט דער דברי יואל: **וכולן באו לדון עם ישראל על הירושה, ויתכן שגם בינם לבין עצמם הי' להם סכסוכים רבים, ע"כ היו צריכים לדיינים הרבה, ולא היו מספיק להם כל אלה הדיינים**...

די ערב רב זענען טאקע געווען די מענטשן וואס זענען געשטאנען מבוקר ועד ערב און זיך געקריגט מיט משה, אים געמוטשעט און געפייניגט מיט טענות און מענות. ווי דער כלי יקר טייטשט: שהרי באמת לא דן כל היום כי אם זמן דיינים, דהיינו שש שעות. אפי' נאכן פסק'נען, זענען די חברה נאך געשטאנען ביי משה און זיך געקריגט מיט אים מיט אלע סארטן טענות.[ד]

**ווייל מענטשן וואס האבן ליב געלט, ווערן נישט זאט פון געלט! זיי דארפן און דארפן און ווילן זיך קריגן און קריגן פאר יעדן דאללער!**

לאידך גוסא, פונקט פארקערט איז געווען ביי די ערליכע אידן. זיי האבן גאר אנדערע דין תורות געהאט! ווי דער מהר"ש מבעלזא האט געזאגט: וועלכע דין תורה'ס זענען בכלל געווען אינעם מדבר? (יעדער האט דאך געהאט הויפן'ס פון געלט און אלעס וואס זיי האבן געדארפט).

נאר עס קען אפשר זיין אז דער דין תורה איז געווען אויפן פארקערטן אויפן. אויב איינער האט אויפגעהויבן גאלד און זילבער ביים ביזת הים און עס האט זיך אים געדאכט אז דאס איז געווען אין די ד' אמות פון זיין חבר, האט ער גע'טאנה'עט אז דאס באלאנגט פאר זיין חבר און נישט פאר אים. ווידער דער חבר האט גע'טאנה'ט, "ניין, דאס איז נישט מיינע, דאס איז מיין חבר'ס, ער האט דאס אויפגעהויבן." זענען זיי געגאנגען צו משה רבינו אז ער זאל פסק'נען וועמען'ס דאס איז!

די דין תור'ס זענען געווען אויף וואס איז נישט מיינע, נישט אז דאס איז מיינע! ווייל די הייליגע אידן אינעם דור המדבר, זיי זענען געווען אמת'ע שונאי בצע!

# מוסר השכל:

**"א"ר אילעאי: בשלושה דברים אדם ניכר - בכוסו ובכיסו ובכעסו.**

(עירובין סה)

**בכיסו:** ווילסטו וויסן ווער א מענטש איז באמת? קוק ווי אזוי ער איז זיך מתייחס צו געלט... וויפיל רעדט ער פון געלט? וויפיל איז ער מחשיב דאס געלט? ועל כולם, **וואס קומט ביי אים קודם? זיין געלט אדער זיין תורה ומצוות?**

אלץ אן הכנה צו קבלת התורה, לאמיר זיך אלע אונטערנעמען צו זיין עטוואס א שטיקל "שונאי בצע". אפי' מיר וועלן נישט תיכף מצליח זיין, וועלן מיר אבער תיכף גערופן ווערן א "שונאי בצע"...

ווי דער ווארקע רבי האט אמאל געזאגט, "דאס וואס דער וועלט רופט היינט א חסיד אויף איינער וואס איז שוין לאנג נישט קיין חסיד, קען זיין פשט אזוי. פונקט ווי מיר געפונען אז דער עולם זאגט אויף איינער וואס וויל פארן קיין דאנציק אז "ער פארט קיין דאנציק", ווי אזוי קען מען זאגן אז "ער פארט קיין דאנציק", ווען ער קען נישט תיכף פארן פון זיין שטאט צו דאנציק, נאר ער דארף אדורך פארן אסאך שטעט אינדערמיט ביז ער קען אנקומען?!"

"נאר וואס דען, וויבאלד זיין רצון איז אנצוקומען קיין דאנציק, הייסט אז ער פארט קיין דאנציק! די זעלבע איז ביי א חסיד. כאטש וואס עס זענען דא פיל מדריגות אנצוקומען איידער מען קען אים אנרופן א חסיד, דאך וויבאלד ער האט דעם רצון און כוונה צו זיין א חסיד, קען מען אים שוין אנרופן א חסיד! (ספר בישישים חכמה מפי רבי רפאל פר"מ)

ואולי, קען מען זאגן דא דער זעלבע, אודאי א שונאי בצע איז גאר א הויכע מדריגה, אבער אויב דער מענטש זוכט אנצוקומען צו זיין א שונאי בצע, קען מען אים שוין אנרופן א שונאי בצע!

און דאס איז דער תכלית פון א חסיד, צו וועלן אנקומען צום אמת! דער ציל דארף נישט זיין אנצוקומען, דער ציל דארף זיין צו לעבן און זיך ריקן נענטער צום אמת! דער גאנצע צייט וואס מיר זענען אויף דער וועלט, זענען מיר אויפן וועג וואס מיר ריקן זיך כסדר פאר-ארויס....

---

**איך דארף נישט אזוי וויכטיג דאס געלט אבער פאר מיינע קינדער...**
מען זאגט נאך פונעם רבי'ן פון פרשיסחא זצ"ל (דער יוד הקדוש) אז ער האט איינמאל געזאגט, "**דער וועלט ארבעט, יעדער איינער פאר זיין קינד, אבער ווען וועלן מיר שוין זעהן דעם קינד וואס דער גאנצע וועלט ארבעט פאר אים?!!**"

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון, קענט איר זיך פערבינדן מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

---

[ד] עיי"ש בדברי יואל בהמשך, **ומעתה אפ"ל** דמ"ש יתרו וכל העם נצב אליך מן בוקר עד ערב, הם היו הערב רב שהיו מחרחרי ריב ומחזיקים במחלוקות. משא"כ בני ישראל הכשרים...